Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פרץ

Mosḳṿe, 1937

29

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

## 29

עס ציט צום ראַנד דער אַלטער טראַקט
פאַרמעלדן זיך מיט טאָפּאָלס שלאַנקע,
צוקאָפּנס בלענדיקט אַ באַראַק,
צופוסנס — שלאַכטיקע טאַטשאַנקעס,
ווי בראָך פאַרטראָגענער פון שטורעם,
ווי צײַטנס העפקערער געביינ,
און כוואַליעס באַ די ברעגנ מורמלענ,
און כוואַליעס קריצנ אויס אַף שטיינ.

עס איז דאָ אויסגעשטעפּט דער וועג
מיט טלאָענ זילבערנע פונ שטערנ, —
אָט דאָ גערינטנ האָט אָליעג,
און דאָ איז דורכגאַנ די אימפּעריע;
מע האָט דאָ אויסגעשטעפּט דעם טראַקט
מיט טעמפּע קאָפּיטעס פונ רײַטער.
און לאַגערס האָט מענ דאָ געהאַקט,
און סרייפּעס האָט מענ דאָ געשײַטערט;
ס'האָבנ דאָ שווערדנ אופגעלעכטיקט
מ'האָט דאָ געשאָכטנ און געקעפּט

פאר קאסטנס גאָלד, פאר יונגע טעכטער
בא ברעגן גאָלדענע פון דניעפּ.

דאָ האָבן דווירעס דורכגעדונערט,
דאָ האָבן דורכגעדונערט צײַטן
מיט ווילדע אָנפליִען פון הונען,
מיט שווערד פארשטאָכענער אין ווײַטן;
מ׳איז דאָ געריטן, מ׳איז דאָ געגאנ,
און ווער ארויס איז און ווער ארײַן איז
אפ רײַטוואָגנס פון טשינגיסכאן,
אפ לעצטע בײַדלעך פון ציגײַנער...
מ׳האָט דאָ געהוליעט מײַלן הוילע,
מ׳האָט דאָ געפײַערט און געקרוינט,
נאָר אופגעגאנגען, ווי דער מוילעד,
איז אלע נאכט דאָ א געוויין...

און אופגעעקבערט שווארצע טיפן
דורך צײַט באוואקסענער מיט מאָך,
האָבן דאָ אומגעבלאָנדזשעט סקיפן
אפ סטעפּעס הערקערע פון בראָך.
מ׳איז דאָ געגאנ, מ׳איז דאָ געריטן
מיט פאָנען פינצטערע פון נעכט
אפ הייסע שיקערע יארידן,
אפ האנדל שיקערן מיט קנעכט;
עס האָט פארהערט דאָרט רוט מיט רוט זיך,
עס האָט פארוועט זיך נאכט מיט נאכט,
און צוויי געשמידטע רעוואָליוציעס —
די דריטע ז׳אופגעגאנ אין פראכט...

און וואָס האָט נאָך דען זײַן באַדאַרפט דאָ?
פאַר וועמען נאָך ז'דער סטעפּ געגרייט?
געגאַנגען זײַנען דאָ פאַרדאַרבער
צו זייער אומעטיקן טויט...

און ס'איז פאַרבײַ, און ס'איז פאָריבער.
א יעדער טאָג איז ווי אַן אָס,
עס זײַנען צייכנס דאָ פאַרבליבן,
ס'האָט יעדער עפּעס וואָס געלאָזט.
פון וועמען ס'וואַלגערט זיך א שאַרבן,
פון וועמען ס'זשאַווערט דאָ א שווערד.
און ווינטן דורכגאַנג זײַנען האַרבע,
און ווידער אײַנגעוויגט די ערד.
נאָר איצטער וועקן נײַע טריט אים,
איצט גייען וואָגנס, ווי די צײַט —
נאָך ניט געוווינט ז'דער סטעפּ צו פרידן,
צום קלאַנג פון בוי און פון געצײַג;
ער טרײַבט פון זיך דעם הימל העכער,
און קיינעם ניט זײַן האַרץ ער טרויט, —
עס גייט דער סטעפּ ניט אָפּ קיין עכאָ,
מיט אָפּקלאַנג ענטפערט ניט דער רוים.

נאָר עפּעס שטיל דער ווײַט פאַרטרויט ער,
דעם שײַטער — שטערנדיקן טריפּ;
און ס'דוכט טרובאַן: די ווײַט זיך הוידעט,
און ערגעץ הייבט זיך אויף די טיף.

געפיבערט האָט טרובא די נאכט,
די היצ ט׳געגעבנ א פארטראָג אימ ;
עס דוכט זיכ אימ — באגינענ שפארט
אפ הויכע היי־שניטיקע וואָגנס,
אונ ס׳גיט פונ ראנד א בראָכ די זונ
אונ א פארפלייצ די וויַט די בלויע, —
אימ דאכט, אז ס׳קאָנ נאָכ א טאבונ
פונ ערגעצ אָנפליִענ צומ פויענ ;
אימ דאכט, אז ס׳קאָנ פונ הייך אונ שניט
נאָכ אָנפליִענ א טשאטע רויבער,
אונ — ווער ס׳זאָל פאלנ אפ די קני...
אונ — ווער עס זאָל די הענט פארהויבנ...

אָט שפרייט זיכ עס דאָס רויע לאנד,
באפליגט מיט היַזעלעכ ווי גריבעס,
אונ ס׳ווילט זיכ גלעטנ מיט דער האנט
די וויַט די נאָענטע, די ליבע,
די אומקלאָר־רופנדיקע וויַט,
דעמ אומקלאָר־ליכטיקנ פארטאָג,
עס ליגט אזויפיל פרייד פארטיַעט
אונ ביַיסט מיט ווייטעק אונ פאַרטאָגס ;
אונ גאווען סטריַעוען דעמ רוימ
מיט הילכיק־פאָכעדיקע קריצנ ;
אונ יעדער בלאט פונ צוויַגנ ציט זיכ, —
עס פילט זיכ אָנ די לופט מיט ברויז,
עס פילט זיכ אָנ די לופט מיט מי,
מיט רופ, מיט ראש, — דאָס הארצ לויפט אויס,
אונ ס׳דאכט זיכ אימ, אז מ׳איז ארויס

פון יעדער הייל, פון יעדן שפאר:
אן אָנגריפ איז אפ אים! מע שטויסט,
און קישעפ סטעפּישנ מע שפּארט —
און יעדער בלאט און יעדער גראָז,
און יעדער פּאָכ און יעדער פּיבער
האָט זיכ פארקישעפנ געלאָזט —
אים נאָכאמאָל אינ זיכ פארליבנ,
אים נאָכאמאָל אינ זיכ פארנעפּלענ;
אָט גיט א גיי צו אים דער דניעפּער
מיט אלטע לאַצמאנישע זיידעס,
מיט ניט געשטילטע בערד, ווי שטורעמס,
און יעדער ברעמ אינ דניעפּער שטראָמט,
ווי אָדערנ פון די באנדורעס,
ווי שטריק פון אוראלטנ פאראָמ,
און דאָס געזאנג אים וויגט און וועקט...
ער כאפּט זיכ אופ. אים דוכט זיכ אויס,
אז זײַנ פּאלאטקע שווימט אוועק
אפ כוואליעס זינגענדיקנ ברויז,
און ניט קיינ ברעג און ניט קיינ היימ
אים דוכט: ס'צעהוידעט זיכ דער אוראלט,
און ער — ער טראָגט זיכ, ווי א בוימ,
אנ אויסגעריסענער אינ שטורעמ...
ער הייבט זיכ אופ און צריק ער לייגט זיכ,
אים דוכט זיכ אויס, אז ווילד און פרײַ
זיכ רײַסנ כוואליעס צו די פענצטער
זיי אויסזועצנ, דורכ זיי ארײַנ,
און יעדנ אופהייבנ פון שלאָפ.
און זיי א ריס טאָנ פון געלעגער.

עס טרעפט זיך מיט טרובאענ אָפט,
נאָך טעג צעזאָטענע פונ רעגונג,
ווענ מירקייַט גיט אימ א באַפאל דאָרט,
ווענ ס'מישט זיך אויס די טיפ, די הויך,
אונ ס'גיבנ זיך א טויש געשטאלטנ
אינ ניט באוואכטנ, מידנ מויעך...

נאָר איצט אימ דוכט זיך, אז מע רופט:
צי ס'רייַסט דער ווינט דעמ ליַינ פונ דאך,
צי ערגעצ רייַסט דער פעלדז זיך אופ,
נאָר ס'יאָגט ארויס, ווי אפ א שלאכט...
אָט איז די נידעריקע טיר,
אָט בעטנ זיך אליינ די ווענג,
ער לאָזט ארויס זיך, ווי א ווירט,
אפ זייַנע פרעכטיקע פארמעגנס.
נאָר ס'גייט דער טייַך מיט אוראלט־קראפט,
עס גרייכט די נאכט אימ ביז די קני,
אונ ס'איז די ווייַט אליינ פארגאפט
פונ אָט דעמ אופגעשוימטנ שניט;
די הרעבליע רופט מיט טויזנט הענט,
דער וואסער־קלעמ אינ דר'הייך פארלאָפנ.
ער האָט די בריונג ניט דערקענט
אונ פונ דער אומגעגנט דעמ פראָפיל.
נאָר ס'האָט דער אומרויִקער פייַפ
אימ ערגעצ ווידער אופגעהויבנ,
עס האָבנ זיך אינ דר'הייך געשלייַפט
די שמאָלע פיסקעס פונ די הייבערס,
אונ צוגנ אויסגעשמידטע, בייזע,

מיט האלבע קעפ פון מאשיניסטן,
האָבן געקלעטערט און געדרייט זיך,
האָבן געשניטן און געסווישטשעט
מיט היץ, מיט פלאם און מיט געהודע
אינ כמארע שטויביקער פארטאָג
אנטקעגן בלאָנדרע בינען-מוטערס,
אנטקעגן ביטן מיט בעטאָן.

נ'דער טאָג ווערט ל׳כטיקער און קלערער,
אינ אויגן — ווידעראמאָל גראָם,
ער טוט א הייב די האנט צום שטערן,
און א שטיק מארליע טאפט ער אָן.
א האלבער קאָפּ ז'געוועג פארהילט,
א האלבער קאָפּ ז'געוועג פארבונדנ..
ער גיט זיך שפּיַיענדיק א שילט
מיט א פּאָר זידלווערטער בונטע.
נ'דערזענ האָט אוראָם־הערש פון וויַיט אים,
די האנט א הייב געגעבנ באלד;
און מיט די פלייצעס און מיט די זייַטנ:
— ס'איז, דאכט זיך, זעט נאָר — ער, טרובא! —
און ער איז צוגעגאנ צו אים,
ער קוקט אפ אים און שמוכט און דרייט זיך, —
אים קוויקט די הייזעריקע שטים,
און געבנ ווילט זיך אים אנ אייצע...
ער גיט א שנורעווע דעמ פאס זיך
און אפ טרובאנ גיט ער א פרעס:
— איר וואָלט באדארפט מיט קאלטנ וואסער
באנאכט זיך מאכנ א קאָמפּרעס! —

אז, אייגנטלעך, וואָלט אים אליין זיך
געוואָלט זײַן הייועריק אזוי —
און מיט די מארליעס און מיט — ווייס איך —
זאָל אויך דער קאָפּ אים זײַן באַזוימט...
ער זעט: די הענט זײַנען אים בלאָס הײַנט, —
נ'געטרײַ זײַן ווילט זיך אָן אַן עק;
און פאר טרובאנ זיך א פארמאסער
גיט ער אליין: — וואָסי? מע מעג!..
די גאנצע שטאָט האָט בא אונדז וואסער
געלייגט צום קאָפּ נאָך א געשלעג!
מע פלעגט אין דר'היים מ'יר אלע וואָך
אזוי דעם קאָפּ אפ צוויי צענעמען,
און וואסער האָט אין יעדער לאָך
געקאָנט ארײַן ווי אין אַן עמער...
ס'האָט מיר אמאָל דערלאנגט א פערד
אונטערן הארצן, אין א ריפּ.
און זאָזלען — גלײַך אין מויל, אהער,
און אים אפּ צוויי צעהאקט די ליפּ.
און נאָר מיט וואסער, גאָר ניט מער,
געראטעוועט האָט גאנצע שטאָט זיך, —
און אוילעם זאמלט זיך. מע הערט,
און אויגן נײַגעריקע גלאָצן.
דערלאנגט טרובא ארום א קוק:
ער שטייט שוין אין א ראָד, אינמיטן;
ז'א ריס אראָפּ דעם באנד: גענוג!
ס'וועט אָן אים גוט זײַן, פּונקט ווי מיט אים.